**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/09/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**האלטן ניו יארקער פארזיכערט: גאווערנער האקול הייבט ארויס וואקסנדע שטיצע פאר 'לאקאלע פאליציי אפיצירן, לאקאלע פארברעכנס געזעץ'**

***דיסטריקט אטוירניס, קאונטי שעריפס, פאליציי טשיעפס און קאונטי עקזעקיוטיוון פון אריבער ניו יארק לאזן הערן זייער שטיצע פאר גאווערנער'ס פארגעשלאגענע פארבאט אויף 287(g) אפמאכן***

***ביל וועט זיכער מאכן אז לאקאלע געזעץ אינפארסירונג איז קאנצענטרירט אויף דאס באקעמפן פארברעכן און עס פארמיידט פון מיטלען פון גענוצט ווערן דורך פעדעראלע אויטאריטעטן צו ערמעגליכן מאקן ICE אפעראציעס קעגן ניו יארקער***

***וועט נישט פארבאטן לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אדער סטעיט פאליציי פון פארזעצן צו ארבעטן מיט פעדעראלע געזעץ אינפארסירונג אין קרימינאלע אויספארשונגען***

גאווערנער Hochul (האקול) האט היינט אפגעהאלטן א זיצונג מיט געזעץ אינפארסירונג און ערוויילטע בעאמטע צו אנאנסירן וואקסנדע שטיצע פאר דעם 'לאקאלע פאליציי אפיצירן, לאקאלע פארברעכנס געזעץ' (Local Cops, Local Crimes Act), וואס וועט פארבאטן לאקאלע געזעץ אינפארסירונג פון גענוצט ווערן אלס פארשטייער פון ICE פאר פעדעראלע ציווילע אימיגראציע אינפארסירונג. מיט מער פון צען דיסטריקט אטוירניס, קאונטי שעריפס, פאליציי טשיעפס און קאונטי עקזעקיוטיוון פון אריבער די סטעיט זיך אנשליסנדיג מיט איר, האט די גאווערנער ארויסגעהויבן איר פארפליכטונג צו האלטן ניו יארקער זיכער דורכן זיכער מאכן אז לאקאלע פאליציי זענען קאנצענטרירט אויף צו באקעמפן לאקאלע פארברעכן.

אין די לעצטע צוויי וואכן, האבן נאך געזעץ אינפארסירונג און ערוויילטע בעאמטע פון אריבער די סטעיט אויסגעדרוקט שטיצע פאר דעם 'לאקאלע פאליציי אפיצירן, לאקאלע פארברעכנס געזעץ'. די ביל וועט עלימינירן 287(g) אפמאכן, אפהאלטנדיג סטעיט און לאקאלע פאליציי פון אונטערנעמען שריט אלס פעדעראלע אגענטן אדער פון נוצן שטייערן-פינאנצירטע מיטלען אדער שטאב מיטגלידער צו אויספירן פעדעראלע ציווילע אימיגראציע אינפארסירונג. עס וועט אויך פארבאטן פעדעראלע אגענטן פון נוצן לאקאלע דזשעילס צו האלטן מענטשן וואס ווערן אפגעהאלטן פאר ציווילע אימיגראציע סיבות. דער 'לאקאלע פאליציי אפיצירן, לאקאלע פארברעכנס געזעץ' וועט נישט אפהאלטן פאליציי פון ארבעטן מיט ICE אדער אנדערע פעדעראלע געזעץ אינפארסירונג צו אפשטעלן געפארפולע פארברעכער.

"היינט האב איך געהערט פון א גרופע פון געזעץ אינפארסירונג און ערוויילטע בעאמטע, פון ביידע פארטייען, איבער די וויכטיגקייט פון האלטן אונזערע פאליציי מיטלען קאנצענטרירט דארט וואו זיי זענען דאס מערסטע נויטיג — אין אונזערע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "און דערפאר האב איך פארגעשלאגן שכל'דיגע בילס צו שיקן א קלארע מעסעדזש: ניו יארק וועט נישט טאלערירן אומפארשעמטע באנוץ פון כוח צום שלעכטן דורך ICE, דורכגעפירט אין די נאמען פון פובליק זיכערהייט."

לעצטער חודש, האט גאווערנער Hochul (האקול) פארמאל ארויפגעברענגט דעם 'לאקאלע פאליציי אפיצירן, לאקאלע פארברעכנס געזעץ', א סעריע פון ארומנעמיגע בילס צו באשיצן ניו יארקער, פארשטערקערן קאנסטיטוציאנאלע באשיצונג מאסנאמען און פארבאטן לאקאלע געזעץ אינפארסירונג פון ווערן גענוצט אלס פארשטייער פון ICE פאר פעדעראלע ציווילע אימיגראציע אינפארסירונג. אויך האבן זיך אנגעשלאסן מיט די גאווערנער NYPD קאמישאנער Jessica Tisch (דזשעסיקע טיש), אלבאני פאליציי טשיעף Brendan Cox (ברענדען קאַקס) און מער פון צען דיסטריקט אטוירניס, קאונטי שעריפס און פאליציי טשיעפס. היינט איז די ליסטע פון שטיצער געוואקסן צו 28 בעאמטע:

- אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו Dan McCoy (דען מעקקאָי)
- אלבאני קאונטי דיסטריקט אטוירני Lee Kindlon (לי קינדלאן)
- אלבאני קאונטי שעריף Craig Apple (קרעג עפל)
- אלבאני פאליציי טשיעף Brendan Cox (ברענדען קאַקס)
- ברוקלין דיסטריקט אטוירני Eric Gonzalez (עריק גאנזאלעז)
- ברום קאונטי עקזעקיוטיוו Jason Garnar (דזשעיסאן גאַרנאַר)
- קאלאמביע קאונטי דיסטריקט אטוירני Chris Liberati-Conant (קריס ליבעראטי-קאָונענט)
- ערי קאונטי עקזעקיוטיוו Mark Poloncarz (מארק פאלאנקאַרז)
- קינגסטאן דעפּיוטי פאליציי טשיעף Ricky Negron (ריקי נעגראן)
- מאנהעטן דיסטריקט אטוירני Alvin Bragg (אַלווין ברעג)
- מאנראו קאונטי דיסטריקט אטוירני Brian Green (ברייען גרין)
- מאונט ווערנאן פאליציי טשיעף Marcel Olifiers (מארסעל אליפייערס)
- ניו יארק סיטי פאליציי קאמישאנער Jessica Tisch (דזשעסיקע טיש)
- אָנאָנדאַגאַ קאונטי דיסטריקט אטוירני William “Bill” Fitzpatrick (וויליאם "ביל" פיצפּעטריק)
- אָנאָנדאַגאַ קאונטי שעריף Tobias Shelley (טאבייעס שעלי)
- קווינס קאונטי דיסטריקט אטוירני Melinda Katz (מעלינדא קאץ)
- ריטשמאָנד קאונטי דיסטריקט אטוירני Michael McMahon (מייקעל מעקמעהאן)
- ראטשעסטער פאליציי טשיעף David Smith (דעיוויד סמיט)
- ראטשעסטער מעיאר Malik D. Evans (מאליק ד. עווענס)
- סופאָלק קאונטי שעריף Errol Toulon, Jr. (עראל טוּלאן דזשוּניאר)
- סירעקיוּס פאליציי טשיעף Mark Rusin (מארק רוּסין)
- טאמפּקינס קאונטי דיסטריקט אטוירני Matt Van Houten (מעט וואן האַוטען)
- אָלסטער קאונטי דיסטריקט אטוירני Manny Nneji (מעני נעידזשי)
- אָלסטער קאונטי שעריף Juan Figueroa (הוּאן פיגוּעראָוע)
- יוטיקע פאליציי טשיעף Mark Williams (מארק וויליאמס)
- יוטיקע דעפּיוטי פאליציי טשיעף Ed Noonan (עד נוּנען)
- וואשינגטאן קאונטי דיסטריקט אטוירני J. Anthony “Tony” Jordan (דזש. ענטאני "טאָוני" דזשארדען)
- וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו Ken Jenkins (קען דזשענקינס)

אין ניו יארק, זענען יעצט דא 14 געזעץ אינפארסירונג אגענטורן, אריינרעכענענדיג 10 קאונטי שעריף'ס אפיסעס, 1 קאונטי פאליציי דעפארטמענט און 3 לאקאלע פאליציי דעפּארטמענטס, וועלכע אפערירן יעצט אונטער פארשידענע 287(g) אפמאך אינפארסירונג מאדעלן. אויב די בילס ווערן איינגעפירט, וועלן אלע עקזיסטירנדע 287(g) אפמאכן אריבער די סטעיט בטל ווערן.

די גאווערנער'ס פארשלאג בויט ארויף אויף לעצטיגע בילס וועלכע זענען פארגעשלאגן געווארן אלס טייל פון איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אגענדע צו באשיצן די קאנסטיטוציאנאלע רעכטן פון ניו יארקער קעגן אומגעזעצליכע פעדעראלע שריט און האלטן פעדעראלע אגענטן פאראנטווארטליך פאר אומקאנסטיטוציאנאלע שריט און צו זיכער מאכן אז סענסיטיווע לאקאציעס, אריינרעכענענדיג ניו יארקער'ס היימער, זענען באשיצט פון ציווילע אימיגראציע אינפארסירונג אן א געריכטליכע באפעל.

**אוועקשטעלן א רעכט צו קלאגן פעדעראלע אפיצירן אין געריכט פאר קאנסטיטוציאנאלע פארלעצונגען**

מיט פרעצעדענטלאזע העכערונגען אין אגרעסיווע פעדעראלע אימיגראציע אינפארסירונג, זענען קאמיוניטיס ארום אמעריקא שאקירט מיט די שווערע טאקטיקן וואס ווערן באשולדיגט צו פארלעצן קאנסטיטוציאנאלע רעכטן.

צו באשיצן קאמיוניטיס ארום די סטעיט און פארזיכערן פאראנטווארטליכקייט ווען קאנסטיטוציאנאלע רעכטן ווערן פארלעצט, וועט גאווערנער Hochul (האקול) פאראויס רוקן געזעצן וועלכע געבט פאר ניו יארקער א קלארע וועג צו נעמען לעגאלע שריט ווען זייערע רעכטן ווערן פארלעצט.

די פארשלאג אויטאריזירט מענטשן צו ברענגען סטעיט-שטאפל ציווילע שריט קעגן פעדעראלע אפיצירן וועלכע פארלעצן ניו יארקער'ס פאראייניגטע שטאטן קאנסטיטוציאנאלע רעכטן, אין איינקלאנג מיט די זעלבע לעגאלע סטאנדארטן וועלכע זענען שוין אוועקגעשטעלט פאר סטעיט און לאקאלע אפיצירן אונטער פעדעראלע ציווילע רעכטן געזעץ. דורכ'ן צושטעלן די סטעיט געזעצן מיט די עקזיסטירנדע פעדעראלע ציווילע רעכטן כללים, טוט דער פארשלאג פארשטערקערן קאנסטיטוציאנאלע באשיצונגען און טוט צושטעלן פאר ניו יארקער מיט א באדייטנפולע לעגאלע פארטיידיגונג ווען די פעדעראלע אויטאריטעט טוט אומקאנסטיטוציאנאל אויסנוצן זייער מאכט אין ניו יארק.

**באשיצן ניו יארקער אין סענסיטיווע לאקאציעס**

פאר צענדליגע יארן, האבן פעדעראלע פאליסיס אונטערביידע פארטייען באגרעניצט די ציווילע אימיגראציע ענפארסירונג צו ארעסטירן מענטשן אן א געריכט באפעל אין סענסיטיווע לאקאציעס אזוויווי שולעס, שפיטעלער און געבעט הייזער. לעצטיגע פעדעראלע ענדערונגען האבן צוריקגעדרייט די באשיצונגען, צושטערנדיג פובליק זיכערהייט, שולע קאמיוניטיס, צוטריט צו קעיר און צוטרוי אין קריטישע אינסטיטוציעס.

ניו יארקער דארפן קענען גיין אין שולע, באקומען טשיילד קעיר, זיך ווענדן פאר מעדיצינישע קעיר, זיך באטייליגן אין רעליגיעזע אקטיוויטעטן און וואוינען אין זייערע פריוואטע היימער אין פרידן. גאווערנער Hochul (האקול) האט פאגעשלאגן בילס צו זיכער מאכן אז סענסיטיווע לאקאציעס – אריינרעכענענדיג היימער – זאלן קענען זיין באשיצט פון ציווילע אימיגראציע אינפארסירונג אן א געריכטליכע באפעל. די מיטל וועט העלפן געבן סטאבילקייט פאר קינדער און פאמיליעס אין וויכטיגע קאמיוניטי ערטער.

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו, Daniel P. McCoy (דעניעל פּ. מעקקאָי), האט געזאגט,** "די זיכערהייט פון די פובליקום איז די שטערקסטע ווען אונזערע לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אפיצירן האבן די מעגליכקייט זיך צו קאנצענטרירן אויף די קאמיוניטיס וועלכע זיי באדינען און ווערן נישט געמאכט פארנומען מיטן אינפארסירן פעדעראלע ציווילע אימיגראציע פאליסי. דער 'לאקאלע פאליציי אפיצירן, לאקאלע פארברעכנס געזעץ' איז א פאראנטווארטליכע צוגאנג וואס היט אויף די צוטרוי צווישן פאליציי און די פובליקום און מאכט זיכער אז אונזערע מיטלען ווערן גענוצט ווירקזאמערהייט און פאסיגערהייט. איך בין שטארק אין שטיצע פון גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארפליכטונג צו האלטן ניו יארקער זיכער

בשעת'ן זיך ארויסשטעלן פאר יושר, פאראנטווארטליכקייט און די באשיצונג פון קאנסטיטוציאנאלע רעכטן."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו, Mark C. Poloncarz (מארק סי. פאלאנקאַרז), האט געזאגט,** "די ציהל פון דעם 'לאקאלע פאליציי אפיצירן, לאקאלע פארברעכנס געזעץ' איז א שכל'דיגע וועג צו זיכער מאכן אז אונזערע לאקאלע געזעץ אינפארסירונג מאנשאפט מיטגלידער און עקוויפּמענט ווערן געהאלטן פאר באנוץ אין אונזערע קאמיוניטיס, אויספירנדיג דארט זייער פאליציי ארבעט לויט דעם געזעץ און נישט אונטערגעווארפן אונטער אומגעזעצליכע פעדעראלע שריט ווי די וועלכע מיר זעהען אריבער דאס לאנד מיט ICE. דאס עלימינירן 287(g) אפמאכן שיקט א סיגנאל פאר איינוואוינער אז לאקאלע געזעץ אינפארסירונג וועט נישט זיין אן ארעם פון די פעדעראלע רעגירונג און אז לאקאלע דזשעילס קענען נישט גענוצט ווערן דורך ICE פאר זייערע אימיגראציע אבלאוועס. דער געזעץ שטעלט אויך אוועק שוץ מאסנאמען און וועגן צו אדרעסירן פארלעצונגען פאר איינוואוינער וועמען'ס קאנסטיטוציאנאלע רעכטן ווערן פארלעצט דורך פעדעראלע אפיצירן. דער געזעץ קומט אין די ריכטיגע צייט און איז גאר נויטיג, און איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר חזון ביים שטופן דערפאר."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו, Adam Bello (עדעם בעלאָו), האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול)'ס 'לאקאלע פאליציי אפיצירן, לאקאלע פארברעכנס געזעץ' איז א שכל'דיגער געזעץ וואס וועט פארשטערקערן קאנסטיטוציאנאלע אפהיטונג מאסנאמען צו באשיצן ניו יארקער פון אומגעזעצליכע פעדעראלע שריט און אגרעסיווע אינפארסירונג טאקטיקן. אונזערע לאקאלע פאליציי און געזעץ אינפארסירונג דארפן זיין קאנצענטרירט אויף לאקאלע פארברעכנס, און נישט פארנומען געמאכט ווערן מיט פעדעראלע ציווילע אימיגראציע אינפארסירונג. איך בין שטאלץ זיך צו אנשליסן מיט מיינע שותפים אין רעגירונג פון אריבער די סטעיט ביים פארטיידיגן די רעכטן פון ניו יארקער."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו, Kenneth W. Jenkins (קענעט וו. דזשענקינס), האט געזאגט,** "די זיכערהייט פון די פובליקום הויבט זיך אן מיט צוטרוי — און וועסטשעסטער קאונטי האט זיך געלערנט די לעקציע יארן צוריק ווען מיר האבן אריבערגעפירט דעם אימיגראנט באשיצונג געזעץ (Immigrant Protection Act). ווען איינוואוינער האבן מורא צו רופן די פאליציי אדער צו קאאפערירן מיט געזעץ אינפארסירונג ווייל זיי האבן מורא פון אימיגראציע קאנסעקווענצן, ווערט יעדער וויניגער זיכער. אונזערע לאקאלע פאליציי אפיצירן דארפן זיין קאנצענטרירט אויף דאס פארמיידן פארברעכן, שטיצן קורבנות און באשיצן די רעכטן פון יעדער מענטש אין אונזערע קאמיוניטיס — און נישט דינען אלס אן ארעם פון פעדעראלע ציווילע אימיגראציע אינפארסירונג. גאווערנער Hochul (האקול)'ס בילס שטעלן אוועק די ריכטיגע גרעניצן און ווידערהאלן דאס וואס מאכט די מערסטע אויס — האלטן אונזערע געגנטער זיכער בשעת'ן היטן אויף די קאנסטיטוציאנאלע ווירדן וועלכע זענען פונדאמענטאל צו ווער מיר זענען." **ברום קאונטי עקזעקיוטיוו, Jason Garnar (דזשעיסאן גאַרנאַר), האט געזאגט,** "דער 'לאקאלע פאליציי אפיצירן, לאקאלע פארברעכנס געזעץ' איז פשוט שכל'דיג — עס לאזט אונזערע אייגענע אפיצירן האלטן זייערע אויגן אויף געגנטליכע זיכערהייט און האלטן מענטשן וועלכע ברעכן דעם געזעץ פאראנטווארטליך, צי זיי זענען דא לעגאל אדער נישט, בשעת'ן אויך אפשטעלן די סארט אומגעזעצליכע פעדעראלע שריט איבער וועלכע מענטשן רעדן נאך דאס וואס מיר האבן געזעהן אין מינעסאטע."

**סיטי אָוו ראטשעסטער מעיאר, Malik Evans (מאליק עווענס), האט געזאגט,** "אלס א שטאט וואס האלט זיך פאר א זיכערע פלאץ פאר אימיגראנטן ('סענקטשוּערי סיטי'), האט ראטשעסטער פארבאטן די באנוץ מיט שטאטישע מיטלען צו אינפארסירן פעדעראלע ציווילע אימיגראציע געזעצן שוין פאר נאענט צו פערציג יאר. די פארזיכערונגען העלפן אונז אויפבויען די צוטרוי און פארשטערקערן די זיכערהייט פון די

פובליקום דורכן ערלויבן מיטגלידער פון אונזער אימיגראנט קאמיוניטי צו באריכטן פארברעכנס און צוקומען צו קריטישע סערוויסעס אן מורא האבן. איך אפלאדיר גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פארן אונטערנעמען שריט צו אויסברייטערן די שוץ מאסנאמען אריבער די סטעיט און פארן שטיין פעלזן פעסט פאר אלע ניו יארקער."

**קאלאמביע קאונטי דיסטריקט אטוירני, Chris Liberati-Conant (קריס ליבערטי-קאָונענט), האט געזאגט,** "ערשטנס, באדאנק איך גאווערנער Hochul (האקול) פאר אירע אינוועסטירונגען אין געזעץ אינפארסירונג, וועלכע האבן געהאט אן עכטע ווירקונג אויף די זיכערהייט פון די מענטשן פון קאלאמביע קאונטי. אלס דיסטריקט אטוירני אין קאלאמביע קאונטי, איז מיין איינציגסטע קאנצענטראציע די זיכערהייט פון די מענטשן פון אונזער קאונטי, און ווען קורבנות און עדים האבן מורא צו רעדן מיט געזעץ אינפארסירונג, זענען מיר ווייניגער זיכער אלס א קאמיוניטי. ווען קורבנות און עדים האבן מורא צו רעדן צו געזעץ אינפארסירונג, ווערן זיי ציהלן פאר לאקערנדע פארשוינען, מענטשן הענדלער און געוואלדטעטיגע פארברעכער. אזוי ווי אייביג, האב איך בכוונה צו האלטן פארברעכער פאראנטווארטליך און באשיצן יעדער מיטגליד פון אונזער קאמיוניטי. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע פירערשאפט ביים האלטן ניו יארקער זיכער, ווייל אין ניו יארק און אין קאלאמביע קאונטי וואוינען מיר אין א גערעכטע געזעלשאפט."

**מאנראו קאונטי דיסטריקט אטוירני, Brian Green (בריין גרין), האט געזאגט,** "אלס דיסטריקט אטוירני, איז מיין הויפט פריאריטעט צו זיכער מאכן אז געזעץ אינפארסירונג מיטלען זענען קאנצענטרירט אויף צו האלטן אונזערע קאמיוניטיס זיכער און אדרעסירן ערנסטע פארברעכן. דער לאקאלע פאליציי אפיצירן, לאקאלע פארברעכנס געזעץ העלפט גיבן קלארקייט איבער די ריכטיגע ראלע פון לאקאלע געזעץ אינפארסירונג בשעת'ן היטן אויף אונזער מעגליכקייט צו ארבעטן מיט פעדעראלע שותפים אויף קרימינאלע אנגעלעגנהייטן. דאס היטן אויף די צוטרוי פון די פובליקום איז גאר וויכטיג פאר ווירקזאמע פאליציי ארבעט און צו קענען בויען גערעכט קעיסעס, און די בילס שטיצן די ציהל. איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס באמיאונגען צו פאראויס שטופן אזעלכע פאליסיס וועלכע באלאנסירן די זיכערהייט פון די פובליקום, קאנסטיטוציאנאלע פרינציפן און די געברויכן פון אונזערע קאמיוניטיס."

**קינגסטאן פאליציי דעפארטמענט דעפיוטי טשיעף, Richard Negron (ריטשארד נעגראן), האט געזאגט,** "ווירקזאמע פאליציי ארבעט הויבט זיך אן מיט קלארקייט — וויסן וועם מיר באדינען, וואס אונזער ראלע איז און וואו אונזער אויטאריטעט הויבט זיך אן און ענדיגט זיך. ווען לאקאלע אפיצירן ווערן געבעטן צו נעמען אויף זיך פעדעראלע ציווילע אימיגראציע אינפארסירונג, פארווישט דאס די מיסיע און גראבט אונטער די צוטרוי אויף וואס מיר פארלאזן זיך צו האלטן געגנטער זיכער. גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארשלאג האלט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג קאנצענטרירט אויף דאס וואס מיר טוהען די בעסטע: זיך אפרופן צו פארברעכן, באשיצן קורבנות און בויען עכטע שותפות'ן מיט די קאמיוניטי. די קאנצענטראציע מאכט אונזערע אפיצירן מער ווירקזאם און אונזער שטאט זיכערער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן